LECT #5.
YOUTH IN THE
JEWISH CULTURE

יידישע פראבלעמען

פינפטע לעקציע

די יוגנט און די יידישע קולטור

1/ אריינפיר

א. די גאנצע אמעריקאנער דערציאונג-סיסטעם איז אין דער לאנדשפראך – ענגליש. קיין שום אפאראטן זיינען אין די פאראייניקטע שטאטן ניט געשאפן געווארן, קעדיי צו געבן די מעגלעכקייטן פאר די נאציאנאלע מינאריטעטן צו אנטוויקלען זייער שפראך און זייער קולטור. די דערשיינונג פון אסימילאציע – כאטש אויבן-אויפיק דאכט זיך ניט קיין געצוואונגענע – רייסט אפ די אמעריקאנער געבוירענע קינדער פון די אימיגראנטן פון דער שפראך און פון דער קולטור פון זייערע עלטערן.

ב. עס וואקסט אויס א דאר, וועמען די קולטור און די געשיכטע פון זייערע עלטערן זיינען פרעמד, א דאר וואס ווערט אפגעריסן פון דעם לעבן פון זיין פאלק, א דאר וועמען עס איז פרעמד דאס לעבן פון זייערע עלטערן, זייער פארגאנגענהייט, זייערע שטרעבונגען און קאמפן. אלס א רעזולטאט באקומט זיך אן ערנסטער ריס צווישן די אימיגראנטישע עלטערן און זייערע היי-געבוירענע קינדער. די פראבלעם איז ניט בלויז כאל אויף דער יידישער יוגנט אין אמעריקע, נאר איז אויך כאראקטעריסטיש פאר מערסטע נאציאנאלע מינדערהייטן דא אין לאנד.

ג. מיר מוזן אבער קלאר אונטערשטרייכן, אז דער ציל איז בשום אופן ניט נאציאנאלע אדער קולטורעלע איזאלאציע אין אמעריקע, נאר פארקערט: פולשטענדיקע צוזאמענגיסונג, פארשטענדיקונג, צוזאמענארבעט פון אלע אמעריקאנער – אן אונטערשייד פון אפשטאם – אין דער גרויסער אמעריקאנער נאציע, בארייכערן און גאנץ מאכן דאס אמעריקאנער לעבן און קולטור, דורך דעם וואס מיר וועלן בארייכערן, פארטיפן און גאנץ מאכן די באזונדערע טיילן, וואס צוזאמען שאפן זיי דאס פאלק פון אונדזער לאנד.

ד. די יוגנט שפילט איינע פון די באשעווסטע ראלעס אין לעבן פון א פאלק. זי נעמט איבער די טראדיציעס פון פאלק און אויף אירע הענט ליגט דער ווייטערדיקער גורל פון דער געגעבענער נאציע אדער נאציאנאלער מינדערהייט.

ה. אונדזער אמעריקאנער יוגנט האט אין זיך די צוויי גרונט-שטריכן פון דער גאנצער אמעריקאניזאציע: אן ענגלישן און גלייכצייטיק אן אימיגראנטישן (אדער פון אימיגראנטישן אפשטאם). די צוויי שטריכן שליסן זיך בשום אופן געגנזייטיק ניט אויס, נאר פארקערט. זיי ווערן צוזאמענגעגאסן און פארמירן צוזאמען דעם כאראקטער פון אונדזער פאלק. זיי ווערן פאראייניקט דורך דער געמיינזאמער אמעריקאנישער געשיכטע, טראדיציעס, פאליטישע און עקאנאמישע פראבלעמען, א.א.וו. דער באזונדערער נאציאנאלער אפשטאם טיילט די יוגנט ניט אפ. פארקערט: יעדע פון זיי טראגט צו איר אייגנארטיקייט פון איר קולטורעלער און געשיכטלעכער ירושה צו דער אמעריקאנער קולטור.

ו. גלייכצייטיק באמערקט זיך א טענדענץ ביי די נאציאנאלע מינדערהייטן אין אמעריקע צו דערנעענטערן און פארבינדן זייער יוגנט מיט זייער געשיכטע און קולטור. א טענדענץ צו באקאנען די יוגנט מיט זייער נאציאנאלן אפשטאם. די טענדענץ איז ניט קיין רעאקציאנערע אדער נאציאנאליסטיש-שאוויניסטישע, כאטש זי קען אין טייל פאלן אננעמען א רעאקציאנער-שאוויניסטישן און אפילו א פאשיסטישן כאראקטער. (איינפלוס פון איטאליענישן פאשיזם אויף טיילן פון דער איטאליענישער יוגנט אין אמעריקע; פון נאציזם אויף גרעסערע טיילן פון דער דייטשער יוגנט; פון ציוניזם און רעוויזיאניזם אויף טיילן – עמעס קליינע – פון דער יידישער יוגנט.)

ז. די געשעענישן אין משך פון די לעצטע יארן – ספעציעל דאס וואקסן פון נאציזם און זיין ראסן-טעאריע, און דער אויפשטייג פון אנטי-סעמיטיזם דא אין לאנד – האבן געהאט א שטארקע ווירקונג אויף דער יידישער יוגנט אין אמעריקע. זי האט זיך אנגעפאנגען מער פאראינטערעסירן אין יידישן לעבן אין אלע לענדער. עס האט זיך באוויזן א וואוקס פון נאציאנאליסטישע און רעליגיעזע שטימונגען.

2. די יידישע יוגנט אין אמעריקע

א. דער אלגעמיינער צושטאנד פון דער יידישער יוגנט אין לאנד.

1) גרויסע טיילן וואס זיינען פאראינטערעסירט אין אלגעמיינעם סאציאלן קאמף פון די מאסן. זיי קען מען געפינען אין אלע פּראָגרעסיווע מאסן־אָרגאניזאציעס (יוניאנס, שאָלעם־אָרגאניזאציעס, ספּעציעל אין דער אמעריקאנער סטודענטן־יוניאן און אין דעם יוגנט־קאנגרעס). די טיילן האבן ניט דאווקע קיין ספּעציפישע יידישע אינטערעסן, כאָטש זייער אלגעמיינע פּראָגרעסיווע איינשטעלונג מאכט זיי רייף אויפצונעמען די אידייען און זיך צו פארבינדן מיט די גרויסע פּראָגרעסיווע טיילן פון די יידישע פאָלקס־מאסן.

2) טיילן וואס זיינען אין גאנצן אפּאָליטיש, אָפּגעריסן פון יידישן און אלגעמיינעם געזעלשאפטלעכן לעבן. די פאלן אריין אין אָפּטע יאוש־שטימונגען אלס רעזולטאט פון וואקסנדיקן אנטיסעמיטיזם און עקאָנאמישער דיסקרימינאציע. די יוגנט איז אויסגעשטעלט צו שאָוויניסטישע איינפלוסן און זוכט א ליזונג אין אומגעזונטן נאציאנאליזם אָדער אין פולשטענדיקער אסימילאציע. זי פרואווט באהאלטן איר יידישן אָפּשטאם

3) קליינע טיילן פון אונדזער יוגנט (דערצויגן אין די יידישע וועלטלעכע שולן, ספּעציעל אין אונדזערע אָרדן־שולן, פארבונדן מיטן „איקוף", מיט דער יוגנט־סעקציע פון אָרדן, א.א.וו.) וואס פארשטייען קלאָר זייער פּראָבלעם, האבן אן אויסגעהאַלטענע געזעלשאפטלעכע איינשטעלונג בענוגע זייער ראָל אין אלגעמיינעם און ספּעציעל אין יידישן לעבן.

4) יידישע יוגנטלעכע פארבונדן מיט פארשידענע יידישע אָרגאניזאציעס: ציוניסטישע יוגנט אָרגאניזאציעס, רעליגיעזע, פּועלי־ציוניסטישע, און אנדערע. זיי נעמען אנטייל אין געזעלשאפטלעכן לעבן און דריקן אויס די אידעאָלאָגיע פון די אָרגאניזאציעס מיט וועלכע זיי זיינען פארבונדן.

(ווערט צו געדענקען: אין קאמף פון דער יידישער רעאקציע געגן די יידישע פּראָגרעסיווע מאסן דא אין לאנד, האבן מערסטע יוגנטלעכע אָרגאניזאציעס אָפּט גענומען א מער פּראָגרעסיווע שטעלונג ווי זייערע מוטער־אָרגאניזאציעס. לעמאשל: דער קאמף וואס ראבאי ווייז האט געפירט געגן דעם יוגנט־צווייג פון אמעריקאנעם יידישן קאָנגרעס.)

3. די יוגנט אונטער אונדזער איינפלוס

א. א באזונדער פלאץ צווישן דער יוגנט פארנעמט די יוגנט וואס אונדזערע שולן האבן דערצויגן. צווישן זיי ווייזן זיך די ערשטע סימנים פון א יידיש־אמעריקאנער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, פארבונדן ניט נאָר מיט די אידייען און לעבן פון די יידישע מאסן, נאָר אויך מיט דער קולטור און שפּראך פון די מאסן. די יוגנטלעכע זיינען צוויי־שפּראכיק. זיי זיינען פארבונדן מיטן יידישן פאָלקשאפן און, אויב עס זאָלן געשאפן ווערן די מעגלעכקייטן, קען פון זיי אויסוואקסן א יידישע יוגנט, וואס וועט ניט נאָר זיין געניסער, נאָר אויך שעפער פון דער יידישער קולטור אין אמעריקע. (געדענק: די לערער קורסן פון די אָרדן שולן, אונדזערע היי־געבוירענע לערער, שרייבער, א.א.וו.)

ב. אין צוגאנג צו דער יוגנט האבן די יידישע קולטור טוער אין אמעריקע געליטן פון א באשטימטן ניט גלויבן. זיי האבן געקוקט אויף דער יידישער קולטור ווי אויף דעם אויסשליסלעכן מאנאָפּאָל פון דעם עלטערן דאָר, און האבן צוליב דעם ניט אנטוויקלט קיין ברייטע מעגלעכקייטן פאר דער ארבעט צוזאמענצוּוואקסן און איינצולעבן זיך מיט דער יידישער קולטור שאפונג. אפילו די יידישע שולן האבן בלויז געלערנט וועגן דער קולטור. מען האט פאר די יוגנטלעכע ניט צוגעגרייט קיין מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין יידיש, ניט געשאפן קיין יידישע זשורנאלן פאר דער יוגנט, קיין אָרגאניזאציעס, א.א.וו.

ג. פאר אונדז שטייען די פאָלגנדע אויפגאבן:

1) דערנעענטערן די יידישע יוגנט צו די פּראָבלעמען, וואס שטייען פאר די יידישע מאסן
2) פארבינדן זיי מיט דער יידישער קולטור און שפּראך
3) פירן אן אגיטאציע פאר דער יידישער קולטור צווישן די עלעמענטן, וואס קענען ניט קיין יידיש. די אגיטאציע דארף נאטירלעך געפירט ווערן אויף ענגליש, און דאס מינימיזירט לאבלוטן ניט דעם ווערט פון דער ארבעט. מען דארף געדענקען, אז א געזונטן יידישן באוואוסטזיין און א פארבינדונג מיט דער קולטור קען מען אויך שאפן אויף ענגליש. (נאטירלעך, אז מען דארף שטרעבן אט־די יוגנט אויסלערנען יידיש.